## פּיניעלע מזיק
### גיט לשון



צו וויי גיפעלט ענק, יאטעו, דועס פּיקל ארבעט מיט'ן וועט? צ'ווייסט בארדישפיג, אז דוס אבן גימאכט אינדוועדע יאטן פון שמולן געסל? יא, יא, דוס אב איך, פּיניעלע, אויב־גיסטרויעט — אלעווא זאל איך אזוי לעבן, ווי דוס אב איך גימאכט!

באב אזיליק גיקריגן א בורע פון פאליקסבלאט אבער דוס ארט מיך ניש—איך אב דוס גיטין. ביש פאר ענעם וועט באר פאר אנדערע ווערצלאט — פאט־קודניאקעס, און זאלן זיי זעצן, סארע מיפולע זיי עלן האבן, אז זיי עלן אעסציען די קאפיטיס.

וואס סארע שווארץ יאר איז אף זיי, אף די ווערצלאט אבן ניש וואס צי טון, מאכן זיי לעקטגמיסיעס. ס'גישפעלט זיי ניש אנדערש, באר זי־גורי געב זיי, אנדערש זעבען זיי ניש גיוואוינט באר ז'גורי — א פאמישאף קען מע ענק געבען ז'גורי, נישט קא געלד!

גאנצע קבאקערס זענע זיי, אז זיי אבע קאמיבי־אזש מיט קימארניקעס — ווארפען זיי. וואס סארע גיווארפעניש איז אף ענק, וואס? אז צעט מערטשים קריגן ס'גידוכים, עט עס ענק ווארפן.

הערץ, ווערצלאט, וואס איך פּיניעלע מזיק זאג ענק: זיצט אפ, זוג איך ענק, מיט גיטן, טאמער ניש שווער איך ענק באַ די ציציס, אז אויב צעט פיטמאכן אנ'אויג על איך ענק מאכן א קיבץ אז צעט האבן צי זיבגען און צי זוגן, גידענקט וואס פּיניעלע זאגט ענק, און אז פּיניעלע זוגט האלט ער וואריט.

## איהם קומט טאקע די נאבעל־פרעמיע

— איהר הערט, פאניע פלאטפוס, מיר קומט די נאבעל־פרעמיע פאר שלום.

— ווי אזוי?

— ווייל איך האב נישט חתונה געהאט, און וועל נישט חתונה האבען.

## סוף קארנאוואל

אויפ'ן פיש־מארק שמועסען צוויי יודענעס.

— זי ווייסען, פרוי האלצפרעטעל, אויפ'ן היי־יעהריגען ווינטער האב איך מיך נישט צו בעקלאגען, כ'האב אויסגעגעבען צוויי טעכטער.

— איך האב געהאט א שלעכטערען ווינטער: מיר זענען דריי אויסגעגעבענע טעכטער צוריקגעקו־מען אהיים חזרה.

## פערלוירען דעם צוטרוי
### דער יושר פון לאדזער גבירים

דער גביר ב. האט זיינעם אנ'ארימען ברידער געבארגט 10 זלאטעס. דער ברודער האט צוגעזאגט אין דריי טעג ארום אפצוגעבען דעם חוב, דער גביר איז געווען זיכער, אז דאס געלד איז פערפאלען. דער ארימער ברודער האט אבער געהאלטען ווארט: אין דריי טעג ארום האט ער איהם אפגעגעבען די 10 זל.

אין עטליכע חדשים ארום, איז דער ארימער ברודער ווידער געקומען בעטען 10 זל.

— ניין, דאס מאל וועל איך דיר נישט בארגען, איינמאל האב איך מיך אין דיר ענטוישט — איצט ווייס עס זיך דיר נישט איינגעבען.

## דער ערגסטער חסרון
### אונטערגעהערטער שמועס

— איך האב מורא, אז מיין טאכטער וועט בלייבן פערזיצען.

— פארוואס?

— ווייל זי איז אן אלטע מויד.

— דאס שאט נישט.

— און מיאוס ווי די נאכט.

— דאס איז אויך נישט קיין חסרון..

— און א שטיק שלאק — א גיפטיגע שלאנג.

— דאס איז נאר'ישקייטען.

— און זי האט נישט קיין געלד.

— יא, זי וועט שוין שטארבען א מויד.

## דאקטוירים צווישען זיך

—ווי גייט אייך די פראקטיקע, קאלעגע? קומען צו אייך מעהר פאציענטען?

— אך, זייט די קהלה האט ביליגער געמאכט די פרייזען פון די קרקעות, לויגט זיך די פאציענטען בעסער צו שטארבען ווי זיך צו קורירען.

## היינטיגע יוגענד

ער (צו א מיידעל אויפ'ן דאנסינג): קענען זי דעם „סוחר פון ווענעדיג"?

זי: דעם סוחר פון ווענעדיג?.. ניין, איך קען דעם סוחר פון ביאליסטאק — א מאראווע ליט וואק!

## ער בעשטעלט דעם נומער 115-11

גאסט (צום קעלנער אין א היגען נאכט־לאקאל): פאניע אבער גיט מיר נאך א וויבער שניצעל, גלייכ־צייטיג גיב איך אייך איבער דעם נומער טעלעפאן 115-11.

קעלנער: וואס איז דאס פאר א נומער?!

גאסט: פון דער נאכט־פאנאטאוויע ביי „ליבת אין הצדק".

## א קרבן פון דער מעדיצין
### געשפרעך צווישען בעטלערס ביי דער אלטשטעטישער שוהל

ערשטער בעטלער: אוי, די דאקטוירים! זיי האבען דאך מיך אומגליקליך געמאכט אויפ'ן גאנצען לעבען.

צווייטער: וואס האבען דיר די דאקטוירים אזעלכעס געטון?

ער שטער: יאהרען־לאנג בין איך געווען בלינד און האב געהאט פרנסה בריוח, זענען געקומען די דאקטוירים און האבען מיך געמאכט זעהענדיג — ווי אזוי וועל איך איצט האבען פרנסה—אומגליקליך האבען זיי מיך געמאכט, די דאקטוירים!..

## אזא אומגליק

— דו האסט געהערט, העניעק, פון מ'ין אומ־גליק? איך האב נעכטען מאנעווירט מיטן רעוואל־ווער און דערנעבען איז געשאסען מיין שוויגער.

— נו, דו האסט געטראפען דער שוויגער?

— כ'האב געטראפען אין האר דערנעבען.

## אז א ווייב איז קארג

די פרוי קאנדעלצוקער איז זעהר א קארגע, דעם היינטיגען ווינטער איז איהר מאן ערנסט קראנק געווען, איידער זי איז אוועק אין דער אפטייק נאך די מעדיצין, האט זי געזאגט צום חולה:

— מנשה, אז דו וועסט פיהלען, אז דו געהסט שטארבען, זאלסטו נישט פערגעסען, אויסצולעשען די לאמפ.

## פארוואס ער וויינט!

— פון וואנען קומסטו עס מיט אזעלכע פער־וויינטע אויגען?

— פון דענטיסט.

— וויפיל האט ער דיר ארויסגענומען?

— 20 זלאטעס.

## אבי נאר מיט א לאמטערן

ווייב: שעהן נחת האב איך פון דיר. מ'האט מיר דערצעהלט, אז די מארגאנגענע נאכט ביזטו אהיימגעקומען טויט־שכור, און אז דו האסט דיך ארומגעכאפט מיט א לאמטערן.

מאן: נו וואס איז? אויך א לאמטערן ביזט אויך זאזדראסנע?

## א יונגע און רעדט ווי אנ'אלטע

לעהרער (צו זיין 15 יעהריגער שילע־רין): הער, העלא, דו קענסט גארנישט. דו מאכסט נישט די לעקציעס. קום מארגען 5 נאכמיטאג נאך די לעקציעס צו מיר אהיים וועל איך דיך נאך אמאל אויסהערען.

שילערין: 5 אזייגער איז די לעהרערין נישטא אין דער היים?

## א טיכטיגער רייזענדער
### וואס קען זיין בעל־הבית

א היגער פאבריקאנט האט חתונה געמאכט א טאכטער. צו דער חתונה זענען געווען פערבעטען אלע אנגעשטעלטע און רייזענדער מיט די פאמיליעס.

זענען טאקע אלע געקומען מיט די פרויען און קינדער, א חוץ איין רייזענדער איז געקומען אליין, אהן דער פרוי און קינדער.

— פאניע איזעליאן, פרעגט דער דירעקטאר דעם רייזענדער—פארוואס זענט איהר געקומען אהן אייער בני־הבית?

— כ'וועל אייך ערקלערען — האט ה' איזעלי־אן געזאגט צום דירעקטאר — איך האב 6 קינדער, איז אז דער שעף וועט זעהען מיין כליאסטעווע, וועט ער מיינען, אז איך פערנאכלעסיג מיין ארבייט...

# דער קונדס

הומאר ● סאטירע ●

● צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט" נומער 47 — פרייטאג, דעם 23 פעברואר 1934

## דאס ווירקזאמסטע מיטעל




אפצוזאגען זיך פון בעלי־חובות...

